



## א סקולענע

# שבת פארברענג

## 2

עם ניגון כל מקדש

בעזהשי"ת אדון כל

## 1
## כל מקדש שביעי:

ווען מ'האט געפרעגט דעם רבי'ן זיע"א ווער עס האט פארפאסט די ניגון אויף "כל מקדש", מהיכן ירק זה חי? האט דער רבי געענטפערט: "עס איז דאך די וועלטס נוסח, און דער טאטע זצ"ל האט צוגעלייגט זיינע קנייטשן און זיינע ניגונים". די פשוטע באדייט דערפון איז אז ארגינעל איז דאס דער וואהלינער נוסח, אבער נאכן צולייגן זיינע קנייטשן און זיינע ניגונים איז עס געווארן א פנים חדשות, א נייער ניגון. אבער די ווערטער האט אויך א באדייט אויף א העכערע פארנעם, אז רבותינו הקדושים זיע"א האבן מעורר געווען די גאנצע וועלט מיט דעם הייליגן ניגון פון כל מקדש.

## איש על מחנהו:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, ער האט דאס אנגעהויבן זינגען ערשט אין אמעריקע, נאך וואס אין רומעניע פלעגט ער זינגען א אנדערע ניגון.

## 2
## תנועה בעפאר אוהבי ה':

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, אין רומעניע פלעגט ער דאס זינגען, שפעטער ווען ער איז ארויסגעקומען פון רומעניע האט ער דאס מער נישט געזינגען ביי די טישן, אבער דער רבי זיע"א האט עס צוריק מחדש געווען נאכן געקרוינט ווערן אלס רבי.

## 3
## אוהבי ה':

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן זיע"א.

## 4
## וביום השבת:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א נאך אין רומעניע, די ניגון איז היינט גאר שטארק פארשפרייט איבער די גאנצע וועלט, און ווערט געזינגען מיט גרויס דביקות אין אלע שיכטן און קרייזן. רבותינו הקדושים זיע"א האבן זיך געפירט צו טאנצן אויף דעם ניגון ווען מ'האט דאס געזינגען אינמיטן כל מקדש, און זיי האבן געטאנצן מיט א מורא'דיגע

דביקות ביז כלות הנפש ממש!

## 5
## תנועה נאך וביום השבת:

דאס איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, צוויי יאר בעפאר די הסתלקות.

## 6
## ברוך ה':

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## 7
## המאחרים לצאת מן השבת:

דער תנועה איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, און ווי באקאנט האבן רבותינו הקדושים דאס מקיים געווען במלוא מובן המילה, אריינציענדיג די קדושת שבת זייער שפעט ביינאכט.

## זה היום:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, און אויף די עלטערע יארן האט ער געטוישט דעם ניגון צו א אנדערע, אבער שפעטער האט דער רבי זיע"א צוריקגעברענגט די ערשטע ניגון.

## 8
## זכרו תורת משה:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## טהורים ירשוה ויקדשוה:

רבותינו הקדושים זיע"א האבן זיך געפירט פארצוזינגען אליינס די דאזיגע ווערטער מיט א מורא'דיגע דביקות, און מעורר געווען דעם ציבור אז נאר די "טהורים" וועלן זוכה זיין דערצו. עס ליגט נאך גוט אין די ביינער די מחזה הוד ווי רבותינו הקדושים זיע"א פלעגן אויפהייבן זייערע הייליגע הענט פארזינגענדיג די דאזיגע ווערטער, אמת מה נהדר היה המראה!

## ויכל אלקים ביום השביעי:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## יום קדוש הוא:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן

הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## 9

## כל עדת ישראל:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## משוך חסדך ליודעיך:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן זיע"א.

## 10

## תנועה דביקות פון משוך חסדך ליודעיך:

איה שוקל ואיה סופר צו קענען באשרייבן די געוואלדיגע העכערקייט וואס האט געהערשט ווען רבותינו הקדושים זיע"א פלעגן פארזינגען "משוך", מיט געוואלדיגע און הייליגע תנועות. ווען דער רבי הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א פלעגט עס פארזינגען האבן זיך געגאסן טרערן פון זיינע הייליגע אויגן, אין באגלייטונג פון טייכן טרערן וואס האט געגאסן פון אלע אנוועזנדע, די התעוררות וואס האט דאן געהערשט אין בית המדרש איז נישט שייך אראפצומאלן אויף פאפיר. איינמאל האט מען געזאגט פארן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א אז דער ציבור שפירט א מורא'דיגע התעוררות ביים פארזינגען "משוך", האט ער זיך אנגערופן אז דאס איז זייער ריכטיג, וויבאלד ער אליינס שפירט אויך א גרויסע התעוררות, ווען ער דערמאנט זיך די צורה פון זיין הייליגער טאטע דער בעל שם שארית ישראל זי"ע וויאזוי ער פלעגט זינגען משוך חסדך מיט גרויס דביקות און התעוררות.

## 11

## הלל:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## 12

## ידוין מדשן ביתך:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## עזוז לשובתים בשביעי:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א.

## שמחם - רבונו של עולם:

די דאזיגע שטיקל האבן רבותינו הקדושים זי"ע

זיך געפירט פארצווזינגען אליינס, די ווערטער רבונו של עולם איז א חלק פון די הארץ פונעם רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, ווען ער פלעגט פארזינגען די הייליגע ווערטער האט ער אויסגעשריגן פון זיך אליינס "אוי רבונו של עולם", עס איז איבריג צו באטאנען די געוואלדיגע התעוררות וואס האט דאן געהערשט אין די לופטן.

## 13
## כאור שבעת הימים:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן זי"ע, און ער פלעגט דאס אליינס פארזינגען.

## פודה ה' נפש עבדיו:

דער רבי הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א פלעגט דאס זינגען שטענדיג נאך כל מקדש, דער רבי זיע"א האט אמאל מסביר געווען א טעם וואס ער האט געהערט פון זיין הייליגן טאטן זי"ע, וויבאלד זייענדיג נאך אין רומעניע זענען געזעצן פארשידענע אידן ארום די טיש, וואס זענען ליידער געווען געצוואונגען צו ארבעטן שבת, דעריבער פלעגט ער זינגען דעם ניגון "פודה ה' נפש עבדיו", ווי עס ווערט געברענגט אין אוהחה"ק פרשת בראשית, אז "נפש" איז רומז אויף "שבת", האט ער געבעטן אז דער רבוש"ע זאל שוין אויסלייזן דעם הייליגן "שבת" פון תפיסה, אז מ'זאל שוין קענען היטן שבת געהעריג און קיין פחד און מורא.

## 14
## עשה עמי אות לטובה:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, רבותינו הקדושים זיע"א האבן זיך געפירט דאס צו זינגען יעדן שב"ק ביי שלש סעודות בעפאר'ן זאגן תורה, זאגענדיג אז "אות לטובה" איז דאך רומז אויף שבת קודש, וויבאלד שבת איז א "אות".

## 15
## תנועה פאר בבואו מאדום משיח'ס ניגון:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, און ער פלעגט דאס זינגען בעפאר די שטיקל פון "בבואו מאדום"ביים מיטאג סעודה שבת קודש. די דאזיגע ניגון איז געווען שטארק באליבט ביים רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, ווען ער פלעגט זינגען דעם ניגון איז ער ממש נישט געווען אויף דער וועלט, זיין הייליגע געזיכט איז געווען רויט ווי א פלאם פייער! דער רבי זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף דעם ניגון: "דער טאטע זיע"א האט צוגעגרייט א ניגון פאר משיח!" ער פלעגט עס זינגען בעפאר בבואו מאדום, וואו עס רעדט זיך פון משיח צדקינו. אויך איז באקאנט אז דער רבי הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א פלעגט

שטענדיג מאכן א ספעציעלע הכנה און אנטון די גארטל בעפאר ער האט אנגעהויבן "ברוך ה'", און אויב האט ער נישט אנגעטון די גארטל בעפאר דעם, האט ער זיך אפגעשטעלט און עס אנגעטון בעפארן זינגען דעם הייליגן תנועה.

## 16

## כי צדיק ה':

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א אויף די עלטערע יארן.

## 17

## עבדך אנו הביננו:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, די דאזיגע ניגון איז פאררעכנט געווארן פון די צעהן ערשטע ניגונים פונעם רבי'ן הרה"ק בעל נועם אליעזר זיע"א, ער האט דאס פארפאסט ווען ער האט נאך געדינט אלס רב אין שטאט סקולעני אין יו"ט שבועות, און געזאגט דערויף א תורה וואס דער ניגון האט א שייכות מיט יו"ט שבועות (עיין בסה"ק נועם אליעזר קי"ט). ער האט זיך אמאל אויסגעדרוקט דערוועגן, אז דאס האט אים דער אויבערשטער געשאנקען אין זיינע יונגע יארן, ווען ער האט געוואוינט אין שטאט סקולען. און ווען זיין זון דער רבי זיע"א האט באזוכט בעיר אבותיו אין שטאט סקולעני אין יאר שת"ע, האט ער שפאצירט אויף די גאסן פון שטאט, און פארציילט זיינע לעכטיגע זכרונות פון דעם שטאט, אינמיטן האט ער זיך אויסגעדרוקט: "דא איז דער טאטע געזעצן מיט די יונגע בחורים און געזינגען דער ניגון עבדך אנו הביננו און נאך". מען פלעגט דאס אסאך זינגען בחצרות קדשינו, בפרט יום טוב שבועות.

## 18

## ישראל בטח בה':

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן זיע"א אין די ערשטע יארן נאכן געקרוינט ווערן אלס רבי.

## 19

## בך בטחו אבותינו:

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן זיע"א.

## 20

## ואני תפלתי לך ה':

דער ניגון איז פארפאסט געווארן דורכ'ן רבי'ן זיע"א ביים סעודת ראש חודש תמוז, אין די זוממער וואוינארט פון חתנא דבי נשיאה הגה"צ אב"ד סטרעליסק שליט"א, און מ'פלעגט דאס אסאך זינגען ביי די טישן שבת קודש.

# מזמור לתודה

בגמר מלאכתנו לא נוכל לעצור במילין להביע תודה והנה להני אנשי שם ידידים נאמנים שעמדו לימינו ובאו לעזרתנו במשך כל זמן עריכת הס׳. ד׳. הלזו, ומבלעדי עזרתם לא הי׳ אפשרות לברך על המוגמר

בראש וראשון ידידינו החשובים האברך היקר כביר המעש

האברך היקר בנש"ק מו"ה **שלו׳ דוב דאכנער** שליט"א

מו"ה **יעקב מנחם איצקאוויטש** הי"ו ◆ מו"ה **משה שמואל פרידמאן** הי"ו

שעמדו לימיננו במסירות נאמנה במשך כל הזמן

---

ידידינו החשוב המנצח על הנגינו"ת בחצרות קדשנו זה רבות בשנים, ועומד לימיננו בכל עת ועונה

מו"ה **יהודה בנימין שטראהלי** הי"ו

שהקדיש לנו מעתותיו היקרים במשך כל הזמן במסירות נפלאה

---

ידידינו החשובים

מו"ה **צבי זילבערבערג** הי"ו ◆ ומו"ה **יוסי גיל** הי"ו

שהי׳ לנו לעזר ואחיסמך בכל עת ועונה

---

## ואחרון אחרון חביב

ידידינו החשוב האברך היקר מחשובי אנ"ש

ר׳ **ברוך צבי [הערשי] פארטוגאל** הי"ו

שעמד לימינינו במסירות נפלאה בכל עת ועונה זה עידן טובא יומם ולילה לא ישבות, ומסר כל לבו ונפשו למען הצלחת הענין

ישאו ברכה מאת ה׳ וצדקה מאלקי ישעם, חכותם של רבותינו הקדושים זי"ע יעמוד להם להתברך בכל מילי דמיטב בגשמיות ורוחניות, הם ונשיהם ובניהם וכל אשר להם

המברכים מעומק הלב

## מכון נועם

מכון

# נועם

שמואל צבי משה
פאלגער

## נתנדב ע"י

הרבני הנגיד התורני והנכבד,
מסוד בלו"נ מאז ומקדם לכל קדשי בית סקולען
הרה"ח ר' **שלמה משה הלוי שעכטער** הי"ו

לעי"נ אביו הרה"ח ר' **שמואל** ב"ר **אהרן יואל** ז"ל
ולעי"נ אמו **הענא** בת ר' **חיים דוב** ע"ה
ולעי"נ חמיו הרה"ח ר' **אשר זעליג** ב"ר **יקותיאל יהודה** ז"ל
ולעי"נ חמותו **אסתר ניחא** ב"ר **ישראל יעקב** ע"ה
ולעי"נ אביו חורגו הרה"ח ר' **דוד** ב"ר **אברהם** ז"ל

## תודה וקול זמרה

ידידינו היקר, שזכה להתגדל על ברכי רבינו זצ"ל, וממקורביו הנאמנים,
ורבות בשנים זכה ליהנות מאורו ובפרט אצל שלחנותיו הטהורים
מו"ה **יחיאל מיסקי** הי"ו

ידידינו היקר שזכה להסתופף בצל קדשו של רבינו זצ"ל רבות בשנים
מו"ה **יצחק אייזיק גודלעווסקי** הי"ו
אב"י בעיר לאנדאן יצ"ו

ידידינו היקר הרבני החסיד
מו"ה **דוד שפיצער** הי"ו
אב"י בעיר לאנדאן יצ"ו

**ישלם ה' פעלם ותהי משכרתם שלימה מעם ה'**